# "דער אמת'ר איד"

ב"ה ברוקלין נוא יארק — ערשטע יאר — פרשת חקת-בלק #3 — תמוז שנת תשס"ג לפ"ק

**נתייסד על ידי "התאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה"**

*משה יעקב ווייס רעדאקטער*

*הרב אנשיל יאקאבאביטש ארגאניזאטער*

*ספעציעל צום "אמת'ר איד"*
*פון שמעון גרינבוים*

## נא ללמוד ולהתפלל לרפואת

# מרדכי בן מרגליא

## כ"ק מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א

**השתדלו והרבה תחינה ובקשה שהקב"ה ימלא רחמים עליו להחלימו ולרפאותו ולהחזיקו ולהחיותו וישלח לו מהרה רפואה שלמה מן השמים לרמ"ח אבריו ושס"ה גידיו בתוך שאר חולי ישראל**

## מכתבים למערכת - מכתב א'

### אגרת שנשלח לכ"ק אדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א

**יום אחד קודם הנפילה ר"ל. השי"ת ישלח לו רפו"ש בתוך שאר חולי ישראל**

ב"ה, יום ה' לסדר "אל תשת עלינו חטאתי" תשס"ג לפ"ק.

**שוכט"ס אל כבוד קדושת מרן מוויזניץ שליט"א.**

הנה אני מקטנותא של חסידיו אבל באתי בזה לדבר ולכתוב בשם רוב חסידיו ומתפללי בית מדרשינו פה בוויליאמסבורג יצ"ו .

הנה מסתם ידוע לכ"ק מעכ"ת שליט"א שכל הקהילות בוויליאמסבורג הסכימו ועשו עירוב להתיר הטלטול כמו שנהגו מאז ומקדם בכל תפוצות ישראל וגם כהיום יום יש עירובין בכל העיירות גם בירושלים ובבני ברק ואפילו במאנסי מקום מגורי כ"ק אדמו"ר שליט"א. ומעולם לא שמענו איזה התנגדות מצד יהודים חרדים כנגד זה. ואפילו בוויליאמסבורג כשרצו לעשות עירוב בשנת תשל"ד נתנו הרבנים הזקנים נוחי עדן מכתבי חיזוק ה"ה כ"ק אדמו"ר מפאפא זי"ע. והגה"צ משארמאש. מטשאקוב. מסאמבאטהעלי. מאראד. מאודווארי. מהגאון ר"י שטיינער בשם מרן הגאון ר"י שטייף זי"ע וגם יש על זה מכתב מהרה"ח ר"י אשכנזי משב"ק שכ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע נתן על זה שלש מאות דאללער ואמר שיעשו ע"פ רבנים ותחומי העירוב יהי' תלוים בכל בתי מדרשות של העיר. וגם היה עירוב ברוב השוקים והרחובות בוויליאמסבורג ואפילו בראדני מקום של בית המדרש הגדול של סאטמאר היה עירוב יותר מעשרים שנים. והיום כל הקהילות פאפא, ווין, צעלעם, קלויזענבורג, בעלזא, וויזניץ ב"ב, באיאן, הכל הסכימו בשמחה לערב ערובו וסמכו עצמם על פסקי הרבנים הגדולים דשכונתינו אשר כל בית ישראל נשען עליהם בכל שאלותיהם באיסורי כריתות ובכשרות ובחמץ בפסח ובכל הלכות שבת החמורים יותר מחמשים שנים כולם שוים לטובה ולא יצא מעולם מכשול מתחת ידיהם ב"ה והנה אנחנו היחידים אשר הם אסורים להוציא מכח גזירת מר רבה שליט"א ובכל ש"ק יש לנו "אַ צושטערטען שבת" ר"ל וגם יש כמה "פראבלעמען" של שלום בית כי נשינו רואין שכל החסידים כולם כאחד כולם סומכים עצמם על הרבנים ומטלטלים כמו בכל שאלות של איסור והיתר ואפילו המשפחות שלנו במאנסי ובארץ ישראל מטלטלין רק כאן הוא חק בלי טעם. ונשים שלנו אינם רוצים לשמוע מזה כלום והם מוותרים שלא נהיה חסידים ממאנסי וויזניץ רק נהיה כשאר האנשים בוויליאמסבורג. ואנו אין לנו מה שנשיב להם כי הקשיא הכי גדולה שיש להם, למה בכל השאלות אנו סומכין על הרבנים הגאונים הצדיקים מאודווארי ומהאליין ועכשיו פסקיהם אין שווה כלום ר"ל. וחסיד אחד שהוא תלמיד ג"כ מהרה"ג מאודווארי שליט"א שאל את רבו מאודווארי מה זה ועל מה זה? וענה לו הרב כי מעולם לא גרם לו שום אדם צער כמו המחותן שלו שיצא נגדו שביזה את כבוד תורתו ר"ל "און ער האט צושטערט דעם שבת פאר הונדערטער אידען על לא דבר ער האט שטארק מורא אז עס וועט אים אהיימקומען ר"ל. שטעלט ענק פאר ווען איך זאל זאגען פאר מיינע מענטשען אז זיי זאלן נישט נוצען זיין מקוה כחק בלא טעם. וואלט עס איהם געשמעקט, הלא יש מנהיג לבירה". עכלה"ק בערך. ובביהמ"ד שלנו ג"כ רבים אומרים כי ממילא לא יתחזק האיסור אצלינו כי יש כמה אנ"ש שיש להם חתנין ונכדין משאר חסידות ויש בכל בית מחלוקת כי הם לא יצייתו ובפרט בדורות הבאים ואח"כ יאמרו "וויבאלד ביי דיא זאך פאלג איך נישט דעמאלס דארף איך שוין גארנישט פאלגען וד"ל". כי הוא בחינות גזירה שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה שאפילו חז"ל לא גזרו.

נא ונא בשם רוב החסידים שיאמר להם שכל אחד יסמוך על רב ומורה הוראה שלו בעוד מועד **"בעפאר עס וועט ח"ו זין צו שפעט השם ירחם"** ואז יהיה שלום במחנינו ויהיה שבת שמח וקראת לשבת עונג עד שנזכה ליום שכולו שבת אמן.

תלמידיו וחסידיו הנאמנים

## מכתב ב'

### טעראר אדער כבוד שמים

עס טוט זיך יעצט ארום א ברייט פארצווייגטע פרשה מיט דעם עירוב אין וויליאמסבורג, הללו מתירים והללו אוסרים, דאס איז דאך דרכה של תורה מען איז זיך מתווכח אויף א תורה'דיגען וועג, ביז מען איז מלבן די דבר ה' זו הלכה לאמיתה. דער אמת איז, וואס איז בכלל דא צו שרייבן איבער די טעמע, און ווער זענען מיר, קליינע

מענטשעלעך, בכלל ארייצושטופען די נאז אין א טעמע וואס געהערט גענצליך פאר די תורה אויטאריטעטן פון אונזער באפעלקערונג? וועגן דעם וויל איך מקדים זיין, אז נישט דער ענין פון דעם עירוב גופא איז דא די זאך וואס איז מבלבל אונזער מח, דעת, און אונזער שכל הישר, נאר די ארומיגע געשעענישן וואס דינען אלץ קאנסעקווענצן און קומען ארויס פון די סארט מחלוקת'ן לשם שמים. אט דאס איז א טעמע וואס מוז באטאנט ווערן, און צענעמען ווערן אויף פיץ-פיצלעך, כדי אז די פאר אומשולדיקע מענטשן וואס זייערע קעפ ליגט זיי נאך באגראבן אין די זאמד פונקט ווי די בת היענה, זאלן קענען פון דארט ארויסקריכן, און אז די איבערגעבליבענע פאָר וואס האבן נאך נישט ארויסגערוימט די זאמד פון זייערע אויגן וואס די מבלבלי הדעת האבן אריינגעלייגט אהין זאלן דאס גרינגער קענען אויספירן.

**מחלוקת:** וויאזוי קומט צושטאנד א **מחלוקת!** געווענליך, קומט א מחלוקת צושטאנד פון דעם וואס א מענטש אדער א גרופע טוען א אקט, אדער לאזן הערן זייער מיינונג, און עס זענען דא אין קאנטראסט צו דעם אנדערע וואס האלטן אנדערש ווי זיי און לאזן הערן זייער מיינונג, אז זיי שטימען נישט איין מיט זייערע דיעות.

## כאן הבן שואל?

שטעלט זיך די פראגע: דארף דען דערפון ארויסקומען א מחלוקת און א פירוד ח"ו?

דער רמב"ם שרייבט דאך און אזוי גיט אויך צו דער שכל הישר, אז "כשם שאין פרצופיהם שוות כך אין דעותיהם שוות", איעדער רעכט דענקנדער באשעפעניש איז בארעכטיקט צו זיין דעה אין יעדער טעמע, און קיינער קען נישט אוועקנעמען די דאזיקע רעכט פון א צווייטן. נאר וואס דען, אונז אידן האבן דאך א תורה און על פיו יסעו ועל פיו יחנו, קענען זיך נישט רירן כקוצו של יו"ד אָן דעם, און אונז קענען נישט נעמען קיין שריט וואס זענען ח"ו בניגוד צו די דעת התורה הקדושה, על כן וועגן דעם זענען דא אזעלכע וואס מיינען אז זיי זענען די פאטריאן פאר די תורה הקדושה און זיי מיינען אז זיי זענען די תורה אדוואקאטן און אז די תורה קען זיך נישט אננעמען פאר זיך אליין, און טאמער וועלן זיי נישט נעמען פארשידענע שריט וועט די תורה נעבעך זיין הילפלאז "הס מלהזכיר".

אין היינטיקן דור זענען אונז טאקע געשלאגן מיט פילע אומפריוילעגיעס וואס אונזערע עלטערן זענען נישט געשלאגן געווען מיט דעם, אבער טייערע לייענער, מחלוקת איז נישט איינער פון זיי, וואס יא? טעראָר!!!

## טעראָר!

טעראָר, טייערע ברידער איז א טאקטיק וואס אסאך אומגעוואונטשענע עלעמענטן אין אונזער היינטיקע מאדערנע וועלט פרובירן מיט דעם טרויעריקן באוואוסטן מיטל אז מענטשן זאלן זיי אנערקענען און עקצעפטירן, ווי למשל, די אראבער איבער דער וועלט, דארף מען קיינעם נישט אנטפלעקן, אז וויבאלד קיין סאך בעסער ווי דעם ווייסן זיי דאך נישט, און דורך אנדערע מיטלען וועט נעמען פיל פאכיק לענגער פאר זיי צו דערגרייכן זייער ציהל, האבן זיי אויסגעקליבן אט דעם מיטל, און ווי באוואוסט האבן זיי שוין ליידער באוויזן דורך צו פירן טייל פון זייערע רצונות אויף אן אופן וואס די קאנסעקווענצן זענען געווען גאר גאר מיעס, און גאלאנען אידישע בלוט האבן זיך געגאסן רח"ל.

אבער ברוך הוא אלוקינו שהבדילנו מן התועים, אונז די אויסדערוועלטע פאלק, ווייסן נישט פון די וועגן און מיטלען, נאר אנחנו בשם ה' נזכיר, ה' ילחם לכם ואתם תחרישון, אבער דאס מיינט נאך נישט אז דער קאנצעפט פון טעראר פאלט אוועק צוליב דעם וואס אונז זענען אידן, **פונקט פארקערט, עס ווערט נאך שטארקער און מיסער, ווייל פונקט ווי דער באשעפער האט אריינגעגעבן אין א מענטש דעם טבע און מידה פון כעס, גאווה און רציחה אפילו אין אונז אידן,** אזוי אויך האט ער אריינגעגעבן די מדה פון טעראר אין אונז אידן, אבער (א גרויסער אבער) פונקט ווי ער האט אונז פארבאטן צו ניצן די אויבנדערמאנטע מידות לדבר עבירה אזוי אויך האט ער אונז פארבאטן פון זיך צו באנוצן מיט טעראר שלא לשם מצוה.

## א נבל ברשות התורה!

יעצט וועלן אוודאי זיין אזעלכע פון ענק וואס וועלן קלערן צו טענה'ן אז טאקע דאס מיינען אונזֹ "לשם מצוה" און נאר לשם מצוה, און אונז מיינען נישט ח"ו קיין שום אנדערע מטרות נישט? אט דאס איז טאקע דער גרויסער פראבלעם אין וועלכן מיר טרעפן זיך אן, ווייל אזוי ווי אויבען דערמאנט זענען דא אזעלכע תורה אדוואקאטן, וואס טענה'ן אז זיי זענען אויף דעם מצווים ועומדים, זיי זענען די תורה אננעמערס און די גהינום פאליציי, און זייער אויפגאבע אויף ג-ט'ס וועלט איז אפצוהיטן און זיכער מאכן אז קיינער איז נישט עובר אויף דבר ה'. אבער רבותי ווייסט איר אפשר ווי אזוי אונזערע הייליגע חכמים זכרונם לברכה רופען אייך אָן? אַ "נבל ברשות התורה", **מען נעמט די תורה און מען נוצט עס פאר א שמאטע רח"ל, אפציווישען די אייגענע צואה רח"ל.**

---

## איז דאס געווען דער דרך הבעש"ט ותלמידיו?

ווי אינטערעסאנט און געפלעפט קען מען ווערן לייענדיק, און הערענדיק מעשיות פון דעם בעל שם טוב ותלמידיו זי"ע, ווער נאך אזוי ווי זיי האבן געפירט מלחמות ה' ברמה, ווערט דען איינמאל דערמאנט ערגעץ ווי אז די וואגאנען זייערע זענען געווען אנגעפילט מיט שטייער און אייער, גרייט אויף יעדער צרה שלא תבוא? לא מיט אן אל"ף, זיי מיט זייער כח התורה האבן נישט געדארפט צוקומען צו אזעלכע מיטלען, ווייניק מאל לייענט מען אז זיי האבן געמאכט א גל של עצמות פון אזעלכע עלעמענטן וואס עס האט אויסגעפעלט אראפ צו רוימען פון וועג? ניין!!! איז דאס דען אפשר די פאראלעלע צוגלייך צו דעם כח וואס אונזערע צדיקים מדורות הקדמונים האבן געטוען פארמאגען?

לדעתי הקט נישט, ווייל די צדיקים מדורות הקדמונים האבן נישט געדארפט צוקומען צו זיין קיין נבלים ברשות התורה, מה שאין כן היינטיקע צייטן, וואס עס איז ליידער דא א ירידת הדורות און א קטנות המוחין, און די מערסטע וואס די רבנים קענען טאָן איז לאזן הערן זייער מיינונג, און אויף דעם שוואכקייט קומט צו די גרעסערע שוואכקיט ווען עס קומען פארשידענע בריונים נבלים ברשות התורה און כאפן זיך ארויף אויף די באן פון די אזוי גערופענע באשיצטערס פון ג-ט ברוך הוא דאס איז א בכיה לדורות און טאקע על אלה אני בוכיה...

## אנוכי ולא יהיה לך!

דער ווייטאג וואס דער קאנצעפט פון "אנוכי ולא יהיה לך" ברענגט אלץ מיט זיך איז דאך צועק עד לב השמים, נאר איך מעג האבן א דעה, אן אנדערער וואס לאזט פאלן ווערטער איבער דער טעמע וואס איך האב פארדאמט, איז אויטאמאטיש אן אויסווארף און אן עם הארץ. די "צדיקים'לעך" אונטער דעם איינפלוס פון א גרונטליכן שטיפת המוח מיינען נעבעך אז זיי טוען אויף פאר כבוד שמים. וואס איך פארשטיי נישט איז פארוואס זיי שטעלן זיך נישט אפ פאר א כרגע כמימרא און טראכטן אריין, וואו שטיי איך דא, וואס טו איך דא. די משנה אין אבות זאגט אונז "והוי מחשב שכר מצוה כנגד הפסדה", לאמיר זאגן דו טוסט א מצוה דו גייסט און דו ביסט מוחה אויף די וואס טוען די גרויסע עבירה פון פאלגן דעם פסק וואס זייערע דיינים האבן גע'פסק'נט, אבער למען השם ולמען תורתו:

1. איז מאכן א חילול השם במעמד פון הונדערטער גוים א מצוה?

2. איז פארן אין א קאר בעצם יום השבת אין פראנט פון טויזענטער צוקוקער א מצוה?

3. איז בזיון רבנים א מצוה? - 4. איז שעלטן אומשולדיקע אידישע נפשות א מצוה? - 5. איז מחלוקת א מצוה? — 6. איז נאך לויפען פרויען און מיידלעך א מצוה? — 7. איז פאר בחורים און יונגעלייט צו שלאגען פרויען און מיידלעך אויף די גאס בפני קהל ועדה א מצוה? - 8. איז אזא מורא'דיגער חילול השם וואס מימות העולם נאך נישט געווען אזאנס א מצוה?

און נאך פיל אנדערע ווייטיקן וואס די אזוי גערופענע "מצוות" ענקערע ברענגען מיט זיך מיט, על כן ליגט א חוב קדוש פאר יעדער איינעם צו מאכן דעם חשבון וואס איז גרעסער דא, די מצוה אדער די פיל עבירות וואס וועלן נאך פאלגן, און וואס האט א גרעסערע חשיבות כלפי מעלה.

---

## התאחדות הרבנים רופט צוריק דעם מעמד למען הגנת השבת

און לסיום וואלט איך נאר געוואלט צוגעבן דא חומר למחשבה:

ווי באוואוסט, איז פארגעקומען א גיגאנטישע אזוי גערופענער מעמד הגנת

השבת און ווי די "אומאפהענגיקע" צייטונג "דער איד" האט באריכטעט איז עס געווען אן אויסערגעוועהנליכע קידוש השם און הצלחה. ווי ערשטוינט זענען מיר אבער אלע געווארן זעענדיק דעם פארגאנגענעם ערב שבת מודעות פון די התאחדות הרבנים מיט א רוף צו אחינו בני ישראל דוויליאמסבורג אז "די וואך איז על פי החלטת התאחדות הרבנים צוריק גערופן געווארן דער מעמד הגנת השבת". ווי הפלא'דיק, איז שבת שליסל חלה – דער שבת נאך פסח, עפעס א חשוב'ערער שבת ווי אנדערע שבתים וואס נאר דעמאלס דארפן די שבת פאליציי זיך אננעמען פאר איר כבוד, אבער א צווייטן שבת נישט? נאר וואס דען קען מען זאגן אז עס איז גארנישט געווען די החלטה פון די התאחדות נאר די החלטה פון די שטאטישע פאליציי, נו אויב אזוי ווי קענען די התאחדות שרייבן "אויפן פארלאנג פון די התאחדות הרבנים", און אויב עס איז טאקע נישט געווען זייער החלטה וואו איז זייער מסירת נפש? ווילן זיי נישט אריין גיין אין דעם הייליקן גדר המדומה זייערן פון "אשריך שנתפסתם על דברי תורה"? נאר אפשר האבן זיי מחליט געווען נישט צו מאכן נאך אמאל קיין חילול ה', נו אויב אזוי פון וואו האבן זיי גענומען דעם היתר ביי דעם פאריגן פראטעסט. קען מען אפשר זאגן אז אפשר האבן די רבנים וואס האבן געהייסן מאכן דעם פראטעסט זיך טועה געווען בדבר הלכה, אין הלכות חילול ה', און זיי האבן הערשט נאך דעם אנערקענט אז במקום שיש חילול ה' אין חולקים כבוד לרב, נו אויב אזוי קען מען אפשר אנפאנגען קווענקלען אז אפשר האבן זי זיך אויך טועה געווען אין הלכות עירובין, ווייל סוף כל סוף די רבנים וואס אלע שווערע שאלות פון די התאחדות ווערן געשיקט צו די זעלבע רבנים וועלכע זענען מתיר דעם עירוב.

## שמחים לשמרו ולערב עירובו

**דער שטורעמדיקער מיטינג פון די מארגני הטעראר-על קיידא'ניקעס אין וויליאמסבורג**

לעצטנס איז פארגעקומען א גרויסארטיגע הבה נתחכמה מיטינג אין א באהאלטענעם קעלער אין הויז פון איינעם פון די ראש רשת מארגני הטעראר דוויליאמסבורג למען שבת קדשינו ולמען כבוד השם וכבוד תורתנו הקדושה.

דער מיטינג האט זיך אנגעהויבן מיט א שטימונג: פיל מיט יאוש און פארלוירנקייט, ווייל די רבנים האבן זיך נישט געוואלט משתתף זיין דערביי, זאגנדיק, אז זיי האבן שוין געלאזט הערן זייער דעה איבער די אויסגעדראשענע טעמע, און אז עס איז נישטא וואס צו טוהן ווייל דער ועד העירוב האט זיי איבערגעקליגט און געמאכט דעם עירוב אויף אן אופן נפלא אזוי אז קיין נברא אויף דער וועלט זאל עס נישט קענען טרעפן.

אילאוויטש האט אנגעהויבן מחזק צו זיין די הייפעלע "עטענשען סיקערס" וואס האבן זיך צוזאמען געזאמלט, זאגענדיק אז עס איז נאך דא וואס צו טוהן **און אז מיט טעראר איז אלעס מעגליך**.

די שמייכלעך האבן זיך צוביסלעך אנגעהויבן צוריק צו קערן אויף די בלאסע געזיכטער פון די אנוועזענדע, דערזעענדיק ביים שוועל די הארינגע צורה פון דעם באוואוסטן חי' טורף ומטורף נפתלי שפיגעל הידוע לשמצה ולדראון עולם דער מחוצף הידוע (וואס ווי באוואוסט האט ער נאך געשריגן הגאון הגדול ר' יחזקאל ראטה אין קארלינער בית המדרש, און אויך איז ער באוואוסט ווי ער לויפט נאך ווייבער אין די גאסען שוין דריי יאר נאכאנאנד, אין בארא פארק) האט אויפגעטראטן אלס אורח הכבוד (בזיונו במקומו מונח) און כדרכו בקודש האט ער בקול רעש גדול ארויסגעברענגט די הארבקייט פון עירוב, און אז אלע מצוות אריינגערעכנט חילול השם פריצות רעדן צו פרעמדע ווייבלעך, בזיון הרבנים פאלן אוועק, ווייל זיינע זיידעס האבן איהם געלערנט אז אין א צייט וואס מ'דארף עוקר זיין דעם עירוב איז מען מחוייב אנצוברענגען א אנדרלמוסיא אויף דעם גאנצן געגנט.

דער עולם איז אנגעזאפט און דערהויבן געווארן הערענדיג דעם לוחם מלחמות ה' ברמה נפתלי שפיגעל שפייען סם פון צווישן די ליפן וואס האבן שוין צוזאמען געריידט כל דבר האסור על השם ועל משיחו, און ער האט מסיים געווען אז אויב עס וועט אויספעלן וועט ער בכבודו ובעצמו אראפקומען קיין וויליאמסבורג און אהער אימפארטירן דעם גרויסן ספאדיק זיינעם וכלשונו הטהור **"אני ולא שליח אני ולא מלאך אני הוא ולא אחר"**.

דערנאך האט מען געשטעלט משקאות און דער עולם האט זיך אנגעטרינקען כדרכם בקודש וען מען גייט ארויס אויף א מערכה, כדי דער שבת זאל ברענען בעסער, גיסט מען צו אביסעל אלקאהאל.

נפתלי שפיגעל, מיר ווארטן פאר דיר מיט אפענע הענט. דער עולם אין וויליאמסבורג הערט שוין דריי יאר איבער דיינע מורא'דיגע פארשטעלונגען מדי שבת בשבתו, אפשר קומסטו טאקע אהער אביסעל דעמאלס וועלן מיר אויך זעהן דעם טרף טורף נפתלי...

**פון הרב משה ווייסבערג**

==========================

## קול קורא לאחב"י שהופיע בוויליאמסבורג

**להתעורר ע"ד גזירה החדשה שהיוונים עשו נגד השבת**

ב"ה לסדר "והיה אם מעיני העדה נעשתה לשגגה" תשס"ג.

**אל כבוד אחינו בית ישראל החרדים לדבר ה'. הי"ו.**

עם ד' אתם, ממלכת כהנים וגוי קדוש, שנמסרה לנו תוה"ק, לכל אחד ואחד, תורה צוה לנו משה מורשה, נחלת כל יחיד ויחיד, וגם יש חיוב ערבות ובריתות לכל יחיד ויחיד מישראל (כמבואר בסוטה ל"ז:) ולא נמסרה רק לצבור או לבתי דינים ומכל שכן לאגודות. אך על הבתי דינים (הכשרים) מונח עליהם חיוב לראות לחזק ולהחזיק דברי התורה, בכל פרטיה ודקדוקיה, ומנהגיה כמו שנהגו אבותינו הקדושים, ולעשות סייגים וגדרים וכו'. ואם ח"ו ישנם גזירות לבטל או לשנות או להוסיף, או לגרוע (אפילו כקוצו של יוד) מתורת ד' ומנהגינו, החיוב ביותר על הבתי דינים והצבור ופרנסיה ללחום מלחמת ד', לצאת בפומבי לעורר את כל היהודים, ולגזור תענית צבור ולזעוק ולהריע ולהתפלל לה' שירחם עלינו, לבטל הגזירה ולהשתדל בכל עוז אצל המלכות, כדי לבטל הגזירה, וכמו שמצינו באסתר הגם שמרדכי היה מהשרים הגדולים, וגם אסתר המלכה, לא סמכו עצמן רק על זה, ולעשות הכל בחשאי כדי שלא ידעו המן והשונאים, רק שק ואפר יצע לרבים וגו', אבל אין שום סמכות לבי"ד או לאגודות שונות (ומכל שכן לבית דין שהם מעדה אשר לא מדקדקים כלל בשמירת התורה, השבת והמצוות) להשתדר על הצבור לקצץ נטיעות בבית ישראל, בפשרות, ולוותר אפילו על מנהג קל, בזה אין כח בית דין יפה כלל, להביא שינויים ותיקונים חדשים בפרט בעניני קדושת השבת שהיא יסוד היסודות בחיי ישראל וכבר הורו לנו רבותינו הקדושים שהחדש אסור מן התורה בכל מקום ובכל זמן.

ועתה כאשר באו חברה תחת מסווה של ועד למען קדושת השבת להתערב בענין הדת קדושת השבת, ועיקר כוונתם ומגמתם לבטל מצות התורה – וכעת הוא לבטל מצות שבת וקדושת עירובין לגמרי, וכמעט שכבר תפסו ברשתם הרבה רבנים בעד בצע כסף שיתערבו בעניני קדושת השבת ולכפות עלינו תיקונים בדת תורתינו הקדושה, בניגוד להלכה, ולצערינו הגדול כבר ניבא הנביא מהרסיך ומחריביך ממך יצאו וכבר הסכימו עמהם (הרב מטעם ובית דינו, שמייצגים עדה אשר פרנסיה דורסים על ראשי עם קודש, ומחרפים ומבזים בפומבי להחרדים, ולשומרי מצוותיו) וגם שעצם הגזירה הזאת היא עלבון גדול ופגיעה לנותן התורה, ולכל עם ישראל.

ועתה מתי אנחנו מחשים, והחיוב עלינו לעורר משינתינו, ולעמוד על נפשינו ללחום בכל עוז, ולהראות שאנחנו זרע קודש מאבותינו שנסקלו ונצלבו ומסרו נפשם ומאודם על מצות תורתינו הקדושה ואין אנחנו מוכנים לוותר ולעשות פשרות בדיני ומנהגי תורתינו הקדושה. וכל אחד ואחד יראה להשמיע על זולתו וקהלתו הקרובים והרחוקים, ולהיות בדעה אחת וליקח כל האמצעים הדרושים לבטל גזירה הנוראה הזאת, וכבר הבטיחו לנו חז"ל גזירה עבידא דבטלה.

ואם נעיר משינתינו אז בודאי לא ינום ולא יישן שומר ישראל לרחם עלינו, לעזור לנו לשמור ולעשות את כל דברי תורתינו הקדושה ברוח ישראל סבא. ויקויים בנו ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, ונזכה לגאולה שלימה בב"א.

**עדה החרדית דוויליאמסבורג**
**בנשיאות רביה"ק בעל ד"י זי"ע**

## קול קורא להצלת השבת והעירוב

בספר "שביל הצבי" על מגילת אסתר מהגאון ר' צבי פערבער זצ"ל, וזה לשונו: "**והשתיה כדת אין אנס וכו' לעשות רצון איש ואיש**", ואמרו חז"ל כרצון מרדכי והמן, ופירש"י שהם היו שרי המשקים במשתה, עוד אמרו (אגרת אסתר) כי מי שהיה מאכלו בטהרה היה נותן לו מאכלו בטהרה שנאמר לעשות כרצון איש ואיש, כי המלך לא רצה להעביר את בנ"י על דתם, וחפצו היה שגם המהדרים מן המהדרים יהנו מסעודתו בהפץ לבב, לכן בחר ממונה על הכשרות איש היותר גדול וצדיק הדור כמו מרדכי, שהיה שקול כאברהם אבינו (ילקוט אחשורוש) למען יהיו כל ישראל בטוחים שהכל כשר וישר על צד היותר טוב ונעלה, ואם כן קשה על מה שאחז"ל (מגילה י"ב) מפני מה נתחייבו ישראל אשר בשושן הריגה משום שנהנו מסעודתו של אותו רשע, הלא הכל היה ביתרון הכשר בלי שום חשש תחת השגתו המדיקת של מרדכי הצדיק, ומה חטאו בזה שנהנו (ובפשוטו י"ל שנהנו מסעודתו של "אותו רשע" שהיה בלא הכשר מרדכי רק מאלה שהיו תחת השגחת המן הרשע) וידידי הגאון מפינסק בתשובתו אלי (ונדפסה אח"כ בשו"ת זקן אהרן סימן ל"ב) כתב על דרך צחות שנענשו, יען מרדכי לא הועמד על ידי הסנהדרין למטונה ראשי על הכשרות, רק בכח המלכות על ידי אומות העולם, והמון העם השבו כי לעת עתה אין כל רע, כי הלא מרדכי הצדיק עומד בראש, ובודאי הכל כשר ולכן נהנו ואכלו, ובשביל כך נענשו כי באמת אין לסמוך על ממונה כזה הבא בכח ערכאות אומות העולם אפילו אם יהיה ראש הסנהדרין.

ונעלם מהם שהוא חרם גאוני קמאי שלא ליטול כח ושררה על הציבור בסיוע של ערכאות אומות העולם, והוא בתשובת רבינו מהר"ם מרוטנבורג דפוס פראג דף קי"ג ע"ב, וז"ל: **ועתה גזרנו ונדינו והחרמנו בשמתא ובשם מיתה שלא יהיה אדם ראוי ליטול שררה על חבירו לא על ידי מלך ולא על ידי שרים ושופט כדי לעשות ולקנוס ולכוף חבירו לא בדברי שמים ולא בדברי הבאי, כי עושים עצמם פרושים ואפילו צנועים אינם וכו', והעובר על גזירתינו יהיה באלה ובנידוי ובשמתא ומוחרם בשם מיתה, ויהיו כל ישראל מובדלים ממנו וכו' פתו פת כותי יינו יין נסך ספריו ספרי קוסמים והשומר תקנותינו ינוחו ברכות על ראשו** עכ"ל. ועיין חת"ם הו"מ סימן כ"א מביא גם כן דברי החרם ומוסיף בזה הלשון: "החתום על התקנה רשב"ם ורבינו תם, והראב"ן זק"ן רבנים וכו' והנה אין אנו מחריטים ומנדים, **אף הוא הפורץ מנודה מפי רבותינו רשב"ם ורבינו תם וק"נ רבנים ואנחנו תלמידיהם, והעובר על דת תורה להשתרר על הצבור אסור לעמוד וליקח תורה מפיו, והמעמידו כאלו מעמיד אשרה אצל המזבח**" עכ"ל הגאון רבינו בעל חת"ם ז"ל.

והנה נצייר אם היה אחד עובר על הרם דרבינו גרשום, כב' נשים. האם היו בני ישראל סומכים על כשרות שלו. ובנידון זה לעבור על חרם ק"נ גאוני תקיפי קמאי ליטול שררה על ידי ערכאות של אומות העולם ולשלול הכח מכל רבני ישראל שנתנה להם תורה בהר סיני, אפילו אם היו העוברים מהיותר גדולים היה אסור לסמוך עליהם, כל שכן שהדבר בהיפוך גמור (והם הגאון ר' פנחס יעקב גערבער נ"י אב"ד במזרח לונדון בקונטרס בסוף ספרו "ראוי לבילה" צעק ככרוכיא על הפירצה האיומה הזאת, והריפורם היותר הנורא שלא נראה דוגמתו בתקופות המהרסים, והכל במסוה **אורתודוכסיא מזויפה שלא יצמחו חס ושלום קלקולים על ידי חופש הרבנים... ובכח השחד והחנופה המכלה את הכל, וגם אלה המכנים עצמם בשם אורתודוכסים קטני המוח, ונעדרי דעת תורה נשתחדו לסייע בזה**).

עדה החרדית דוויליאמסבורג
בנשיאות רביה"ק בעל ד"י זי"ע

## מי שמך לאיש שר ושופט עלינו?

מיר רבנים תלמידים פון הגאב"ד האדמו"ר מאודווארי שליט"א, ווילען פרעגען דעם וויזניצער רבין, ווי האט אייער זוהן אזא חוצפה זאל אנרופען אין אייער נאמען, ער זאל שוין צוריק ציען פונעם הכשר אויפן עירוב! –קומט איר דען צו די פאדעשוועס (קרסוליים) פון אודווארער רב שליט"א?! **האט איר נישט מורא פונעם חרם פון אורים ותומים מיט'ן רשב"ם ר"ת ראב"ן וק"נ רבנים אז איינער נעמט אויף זיך א שררה על הציבור איז ער אויטאמאטיש אין חרם.** (ראה שו"ת חת"ס חו"מ תשובה כ"א. ב"ב כ"א ע"א בתוס' ד"ה זכור. יבמות ס"א ע"א. יומא ט' ע"א. רמב"ם הל' סנהדרין סוף פ"ד. אתם בשלכם ואנו בשלנו, ושלום על ישראל. (ראה באריכות בספר ויואל משה החדש).

**רבנים ומורי הוראה בוויליאמסבורג בא"פ ומאנסי, צווינגט נישט ארויף אויף אונז צו זיין צדוקים!!!**

## דער יווני זלמן לייב פילעפף איז מכשיל סאטמערע חסידים מיט פסול'ע מקוואות = און יעדער שווייגט!!!

**הנה האברך זלמן לייב פילעפף ששמו כשם רבו זלמן לייב טייטלבוים שהולך אחריו כשור לטבח, צועק בחוצות וויא א געשאכטענער אקס "מחללי" מות יומת" קעגן דעם פסק פונעם רא"ש און פון די גדולי הרבנים אשר קטנם עבה ממתניו.** מען ווייס דאך זיין גאנצע יחוס ווען ער וואלט נישט געווען אן איידעם ביי הרה"ח רבי אלחנן חיים טייטלבוים ז"ל וואלט ער נישט געווען גערעכענט לכלום. וואס ער האט א חוצפה געבען א הכשר אויף פסול'ע מקוה אינעם כולל קאנטרי "טהרת מרדכי, וואודריזש" און מכשיל זיין טויזענטער אידען וואס זענען מהדר צו נוצען א כשרן מקוה, אזוי וויא די זאך איז נתברר געווארן שווארץ אויף ווייס אין קונטרסים און דורך עדים נאמנים.

און חוץ דעם נוצט ער איינע וואס גייט אין אייגענע האר ר"ל קעגען מסורת אבותינו.

און דער עונש איז ליידער געקומען א מורא'דיגע אויסערגעוועגליכע פאל וויא דער בער האט נעבעך פארצוקט א אומשולדיג שעפעלע ר"ל. אזוי וויא אונדז גייען מיר דאס מפרסם זיין פאר אלע איינוואוינער פון כולל קאנטרי מען זאל זיך היטן נאכאמאל פונעם בער ר"ל. (און וויא א סאך יודעי דבר זאגען אז בער איז אותיות ערב וועגען דעם עירוב וואס ער שטערט. און וועגען "ערב" וואס "כל ישראל ערבין זה בזה" וואס דורך דעם וואס ער שטערט דעם הייליגען עירוב איז ער גורם חילולי שב"ק. און "ערב" איז ווייל דער דברי חיים שרייבט אין פרשת ויקהל אז אזעלכע רבנים וויא ער זענען פון "ערב רב") האט ער נאך די עזות און חוצפה, נאך דעם וואס ער איז מכשיל יודען מיט איסורי כריתות ר"ל און מרבה טומאה בישראל און גורם צו רציחה פונעם בער צוזאמען מיט זיין טמא'נעם שותף לרעה משה מנחם טירנויער וואס איז שוין א אלטער רוצח וואס האט געהארגעט א רב בישראל פאר כבוד און אני אמלוך, און גייט קעגען אלע רבנים אין זיין אייגענע שטאט מאנטרעאל, און עזות מיט חוצפה קעגען גאון ישראל דער קארלסובערגער רב מיט זיינע בני הכולל. ער מיינט אז דער עולם זענען גולמים, ער איז מלא רשעות ער האט די חוצפה גענומען מיט די פסולע מקוה, מבזה זיין ערליכע יודען אנשים ונשים וואס זענען מקיים פסק פון גדולי ישראל און דעם הייליגען שולחן ערוך.

מען טאר איהם נישט פרעגען מער קיין שאלות. ער איז א מצדיק רשע ומרשיע צדיק. א פסול'ע מקוה איז ביי איהם כשר, און א כשר'ער עירוב איז ביי איהם פסול.

**הערט נישט אויס מער זיינע דברי דופי. נעמט אלע טעיפס פון איהם און פארברענט עס כדין ספר תורה שכתבה מין, צדוקי. ער איז מכשיל יודען מיט ברכות לבטלות ר"ל אהנע בושה וחרפה. אלץ פאר דאס ביסעלע כבוד המדומה ווייל ער וויל זיך רופן חבר הבי"ד.**